ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## נשא

**(חלק כג שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה
שנת הקהל

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת נשא, (אה״ק) א־ז סיון; (בכל העולם) ח־יד סיון, ה׳תשפ״ג (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2023
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# נשא

א. בנוגע דעם קרבן הנשיאים לחנוכת המזבח דורכן נשיא פון שבט אפרים, וואָס זיין הקרבה איז געווען ביום השבת[1], שטייט אין מדרש רבה דפרשתנו (פרשת יג[2]): „שלשה דברים (ש)עשו הנשיאים שלא כהוגן וקבלם הקב"ה . . בכ"מ אין קרבן יחיד דוחה את השבת[3] וכאן קרבן יחיד[4] דוחה את השבת, הא[5] למדנו כמה קרבן נשיאים חביב לפני הקב"ה".

אָבער ווייטער (אין פרשה יד[6]) זאָגט דער מדרש בענין זה: „שלא תאמר היאך חלל את השבת והלא אין קרבן יחיד דוחה את השבת וזה הקריב בשבת, אמר הקב"ה לא על פיו עשה שאני אמרתי למשה כו'".

אין פשטות קומט אויס, אַז לויטן ערשטן מדרש איז די הקרבה בשבת – מתחלה געווען בלתי רצוי („שלא כהוגן"), נאָר בדיעבד, מצד דעם וואָס „קרבן נשיאים חביב לפני הקב"ה", איז „קבלם הקב"ה";

משא"כ לויטן צווייטן מדרש, איז די הקרבת הקרבן בשבת מלכתחלה געווען רצוי („כהוגן"), ווייל „אני אמרתי למשה כו'".

אָבער כד דייקת קען מען אויך לויטן ערשטן מדרש ניט לערנען, אַז הקרבת הנשיא איז געווען אסור – ווייל ח"ו צו זאָגן אַז אַ נשיא וועט זיך פירן היפך הדין[7]; ועוד ועיקר – משה איז געווען דערביי, די כהנים האָבן געטאָן עבודתם ולוויים בדוכנם – און זיי אַלע היפך הדין, אתמהה!

מוז מען זאָגן, אַז אויך לויט דעם מדרש איז די הקרבה בשבת (מלכתחלה) געווען על פי הציווי, נאָר ווייל דאָס איז געווען אַ הוראת שעה[8] (וואָס אַ חוץ דעם איין און איינציגן מאָל איז עס אַ דבר האסור), ווערט עס אָנגערופן „שלא כהוגן"[9].

---

1) כמ"ש (פרשתנו ז, מח) ביום השביעי נשיא לבני אפרים גו', ואותו היום שבת הי'. ראה מו"ק ט, א. מדרשים שהובאו לקמן. רבותינו בעה"ת פרשתנו שם. וראה ראב"ע שם.

2) ב (בסופו). ועד"ז בתנחומא פרשתנו כ. פסיקתא רבתי פ' ויהי ביום כלות.

3) ועד"ז הוא בהמדרשים דלקמן. והוא כדעת הת"ק במשנה תמורה יד, א שדחיית שבת תלוי' בקרבן צבור וקרבן יחיד, משא"כ לדעת ר"מ שם. וראה לקו"ש חי"ח ע' 105 ואילך ובהערות שם. וש"נ.

4) בפסיקתא שם „וקרבנו של נשיא דוחה את השבת". ועד"ז הוא בתנחומא כאן: וקרבן של נשיא אפרים דחה את השבת.

5) סיום זה ליתא בפסיקתא ותנחומא שם.

6) א (בסופו).

7) ובפרט שלשון המדרש הוא „שעשו הנשיאים", ולא שרצו וכיו"ב. וראה רש"י פרשתנו ז, יו"ד (מספרי עה"פ. במדב"ר פי"ב, כא) ויקריבו הנשיאים כו' כי לא קבל משה מידם עד שנאמר לו מפי הגבורה. וראה ריטב"א מו"ק שם ד"ה ביום: והנשיאים ודאי ע"פ הדבור עשו דלא סגי בלאו הכי כו'.

8) לשון הראב"ע הנ"ל. ובגמרא (מנחות נ, סע"א ואילך) ופרש"י (פרשתנו ז, יד) – לענין קטורת הנשיאים שהובא במדרשים הנ"ל. וראה לקמן בפנים ובהנסמן לקמן הערות 11, 26.

9) וע"ד לשון הש"ס (תענית ד, א) „שאלו שלא כהוגן" שאי"ז דבר האסור.

ומש"נ הלשון „קבלם הקב"ה", כי לפי מדרש זה ציווי ה' הי' (לא מצ"ע, כ"א) מצד בקשתם כו' (ראה לעיל הערה 7). משא"כ להמדרש הב' „לא על פיו עשה שאני אמרתי כו'", שהקרבתו בשבת היתה לא מצד הנשיאים, כ"א שמלכתחילה „אני אמרתי".

דאַרף מען לפי״ז פאַרשטיין. וואָס זיינען די סברות פון די צוויי מדרשים, וואָס לויט דעם ערשטן מדרש איז די הקרבה „שלא כהוגן״, און לויטן צווייטן מדרש – איז עס ניט חילול שבת, ס׳איז כהוגן, און נאָכמער – ס׳איז קיום ציווי השם, „שאני אמרתי כו׳״?

ב. אין גמרא[10] ווערט געבראַכט, אַז דער טעם וואָס בזמן חנוכת ביהמ״ק הראשון „לא עשו ישראל את יום הכיפו־רים״ איז ווייל „אמרו קל וחומר: ומה משכן שאין קדושתו קדושת עולם וקרבן יחיד דוחה שבת דאיסור סקילה, מקדש שקדושתו קדושת עולם וקרבן ציבור ויום הכיפורים דענוש כרת לא כ״ש״.

פון דעם איז מובן[11], אַז לדעת הגמרא איז די הקרבה בשבת ביי חנוכת המשכן ניט געווען קיין הוראת שעה („שלא כהוגן״) – ניט ווי דער מדרש הא׳ הנ״ל – ווייל דעמולט וואָלט מען פון דעם ניט געקענט אָפלערנען (מיט אַ ק״ו) אויף די קרבנות שבחנוכת ביהמ״ק.

די סברות הפלוגתא צווישן דעם מדרש הא׳ און דער גמרא ומדרש הב׳ (צי דער היתר ההקרבה בשבת איז געווען אַ הוראת שעה אָדער ניט) קען מען מבאר זיין בכמה אופנים, ומהם[12]:

א) די גמרא וכו׳ רעדט לויטן מ״ד וואָס האַלט אַז שבט אקרי קהל[13], און היות אַז דער קרבן וואָס דער נשיא האָט מקריב געווען איז געווען אַ קרבן השבט, איז דאָס ניט קיין הוראת שעה, ווייל עס איז אַ קרבן קהל, איז מען עס מקריב ווי אַלע קרבנות ציבור, וואָס זיינען דוחה שבת (און דאָס וואָס די גמרא רופט עס אָן „קרבן יחיד״ איז עס אין פאַרגלייך צום קרבן תמיד וכיו״ב שלפניו ושלאחריו, וועלכע זיינען קרבנות כל קהל עדת ישראל, אַלע שבטים).

משא״כ דער מדרש הא׳ האַלט ווי דער מ״ד[13] אַז שבט לא אקרי קהל[14], וואָס לפ״ז האָט דער קרבן הנשיא געהאַט דעם דין פון אַ געוויינלעכן קרבן יחיד וועלכער איז ניט דוחה שבת, און דער היתר ההקרבה איז געווען מצד אַ הוראת שעה[15].

ב) לכו״ע איז שבט אקרי קהל[16]; אָבער דעם קרבן הנשיאים האָט יעדער נשיא געבראַכט פון זיין אייגנטום – ניט פון דעם וואָס דער שבט (בכללו) האָט גע־געבן, ווי עס שטייט בפירוש אין מדרש[17] (און רש״י ברענגט עס בפירושו על התורה[18]) אַז „משלו הביא ולא שגבה משבטו״;

און די מחלוקת צווישן דעם מדרש הא׳ מיט דער גמרא וכו׳ איז: לדעת המדרש, וויבאַלד דער נשיא האָט פאַר דעם קרבן ניט גובה געווען משבטו,

---

10) מו״ק שם.

11) ראה שו״ת חתם סופר או״ח סר״ח ד״ה בדף ז׳ ע״ד. אבל ראה מאירי מו״ק שם.

12) באופן הא׳ דלקמן – ראה שו״ת חת״ס שם.

13) הוריות ד, סע״ב ואילך.

14) ולהעיר מפירוש אדה״ז (הובא בענף יוסף לשמו״ר פמ״ד, ו. מגדל עז (כפ״ח, תש״מ) ע׳ ט. וש״נ) ששני מדרשים אחרים (שמו״ר (שם) ודב״ר (פ״ג, טו)) פליגי במחלוקת הנ״ל.

15) וע״פ מ״ש הרוגוצובי (הובא בצפע״נ (המלוקט) לרמב״ם ספר עבודה – הל׳ מעה״ק פ״ב הט״ו), ששיטת הפסיקתא (הנ״ל הערה 2) היא דשבט אפרים לא מקרי קהל (ראה הוריות ו, ב) ולפיכך הוה שלא כהוגן כו׳ – יש לומר, דהש״ס במו״ק ס״ל דגם שבט אפרים אקרי קהל.

16) ראה רמב״ם הל׳ שגגות רפי״ב. מג״א סי׳ ריח סק״ג. שו״ת חת״ס שם.

17) במדב״ר פי״ג, יג (בסופו). וכ״ה שם לפנ״ז ז. ובספרי פרשתנו ז, יב. יז.

18) פרשתנו ז, יב.

בלייבט עס אין גדר פון אַ קרבן יחיד וואָס איז ניט דוחה שבת (און דערפאַר דאַרף מען זאָגן אַז דער היתר ההקרבה איז געווען אַ הוראת שעה);

משא״כ לדעת הגמרא כו׳, איז כאָטש „משלו הביא״, איז דער „הביא״ אָבער געווען אַלס „למטה יהודה״ (וכיו״ב „יחסו הכתוב על שבטו״[19] אַ קרבן פאַר דעם גאַנצן שבט[20], איז זיין קרבן אַ קרבן צבור, וואָס איז דוחה שבת.

[ויש לומר, אַז דערמיט איז אויך מבואר דער דיוק הלשון אין מדרש[21] — וואו ער זאָגט אַז פון „זה קרבן נחשון בן עמינדב״ לערנט מען אָפּ אַז „משלו הביא ולא שגבה משבטו והביא״ — וואָס ער זאָגט דאָרט בסיום הענין „זה קרבן דוחה את השבת ואין קרבן יחיד דוחה את השבת״ —

וואָס פון סתימת לשון השלילה „ואין קרבן יחיד דוחה את השבת״ (און ניט „ואין שאר[22] קרבן יחיד דוחה את השבת״ או כיו״ב) איז משמע, אַז דער קרבן הנשיא איז ניט אין גדר פון קרבן יחיד[23]; אָבער, לאידך, פונעם דיוק הלשון בהתחלת הלימוד „זה קרבן דוחה את השבת״ (ווי אויך דערפון וואָס מ׳דאַרף איבערהויפּט האָבן אַ לימוד אַז ס׳איז דוחה שבת) איז משמע אַז דער קרבן הנשיא האָט אַ שייכות צו קרבן יחיד, און דערפאַר דאַרף מען אַ לימוד מיוחד אויף דעם סוג קרבן („זה״) אַז ער איז דוחה שבת —

ועפ״י הנ״ל איז מובן, ווייל אין הכי נמי: היות אַז דער נשיא האָט דעם קרבן ניט גובה געווען משבטו, קומט אויס, אַז דער קרבן איז אַ קרבן יחיד; אָבער מצד דעם וואָס דער מקריב איז אַ „נשיא למטה״ האָט זיין קרבן דעם דין פון אַ קרבן צבור].

ג. ע״פ כהנ״ל קומט אויס, אַז דער צווייטער מדרש (הנ״ל סעיף א) — וואָס לויט אים איז די הקרבה פון קרבן הנשיא בשבת מלכתחלה געווען אַן ענין כהוגן — ודעת הגמרא היינו הך — אַז ער האָט מקריב געווען דעם קרבן בשבת ווייל ס׳איז אַ קרבן צבור, און מען דאַרף ניט אָנקומען צו אַ הוראת שעה.

אָבער עס איז שווער אַזוי צו לערנען בלשון המדרש[24] „לא על פיו עשה שאני אמרתי למשה נשיא אחד כו׳״, היינו, אַז עס איז געווען אַן אמירה וציווי מיוחד בנוגע דעם קרבן (— הוראת שעה).

[ומובן בפשטות, אַז ס׳איז אַ דוחק הכי גדול צו זאָגן, אַז דער „אני אמרתי למשה נשיא אחד כו׳״ מיינט מען ניט אמירת „נשיא אחד גו׳״ ובכלל איז ניט געווען קיין אמירה פרטית באותו ענין,

19) ספרי ופרש״י פרשתנו שם. במדב״ר שם, ז.

20) משא״כ דויקרא ד, כב.

21) פי״ג, יג (בסופו).

22) כמו שכתבו מפרשי המדרש.

23) ועפ״ז מובן אשר דוחק לומר שהמדרש והש״ס פליגי בזה גופא, שלדעת המדרש הוה שלא כהוגן כי משלו הביא ובמילא הוי קרבן יחיד, ולדעת הש״ס (והמדרש הב׳ — פי״ד שם — דלעיל ס״א) גבה משבטו ובמילא הוה קרבן צבור שדוחה שבת, כי [נוסף לזה אשר (א) דוחק לפרש כן במד״ר פי״ד (כדלקמן בפנים סעיף ג). ב) דוחק לומר דפליגי במציאות אם גבה משבטו או לאו, הרי] מזה שהמדרש שבו מפורש ש„משלו הביא ולא שגבה משבטו״ מסיים „זה קרבן דוחה שבת ואין קרבן יחיד דוחה את השבת״, מוכח, דגם אם לא גבה משבטו אינו כקרבן יחיד ממש, כבפנים.

24) ועד״ז, פשטות לשון הגמרא בהק״ו (מו״ק שם) „וקרבן יחיד״ לא משמע שהוי קרבן צבור. וראה לשון הר״ח שם: וקרבן הנשיאים קרבן יחיד הוא ולא קרבן צבור. וראה גם מאירי וריטב״א שם.

נאָר דאָס מיינט מען די הוראה ודין כללי ולדורות — אַז שבט אקרי קהל, אָדער אַז אַ קרבן הנשיא האָט אַ דין פון קרבן השבט][25].

והדרא קושיא לדוכתה: וואָס איז סברת הפלוגתא צווישן די צוויי מדרשים הנ"ל?

ד. ויש לומר הביאור בזה:

לויט ביידע מדרשים, זיינען די קרבנות המילואים פון חנוכת המזבח (וואָס „אין כמותן לדורות"[26]) געווען נאָר לפי שעה ובגדר הוראת שעה (אַזוי ווי די אַנדערע פרטים פון קרבנות הנשיאים וועלכע זיינען געווען לשעה ובגדר הוראת שעה[27] ועד"ז בכמה פון קרבנות ימי המילואים) און נאָר מצד דער הוראת שעה איז געווען דער היתר צו מקריב זיין דעם קרבן הנשיא בשבת;

נאָר דעם היתר קען מען לערנען אויף צוויי אופנים: דער (איסור) שבת איז „דחוי'" — אַז דער איסור מלאכה איז בתקפו עומד, נאָר חנוכת המזבח איז עם דוחה; אָדער אין אַן אופן פון „הותרה" — אַז די מלאכה איז דאָ מלכתחלה (ניט נאסר געוואָרן, נאָר זי איז) אַ דבר המותר בשבת.

[ע"ד המחלוקת בענין פקוח נפש בשבת[28] (וכמה הלכות[29]), צי ס'איז „דוחה" אָדער „מותר"].

און דאָס איז די סברת החילוק צווישן די צוויי מדרשים:

לויט דער דרשה אַז „עשו הנשיאים שלא כהוגן", איז דער היתר ההקרבה נאָר באופן „דחוי'", די קרבנות האָבן דוחה געווען דעם איסור שבת „אָן אַ זייט" — אויך לאחר הדחי' איז דער איסור מצ"ע ניט בטל געוואָרן[30], נאָר ער ווערט בלויז נדחה דערפאַר וואָס „קרבן נשיאים חביב לפני הקב"ה";

דער צווייטער מדרש האַלט אָבער אַז דאָס איז באופן „הותרה", ד. ה. ס'איז אַ גדר של דבר היתר (הקרבת קרבנות חנוכת המזבח בשבת), אין דעם פאַל זיינען מלכתחלה ניט חל די איסורי מלאכה בשבת;

און דערפאַר איז דער מדרש מדגיש — ניט נאָר קען מען ניט זאָגן „חילל את השבת" (אָדער „שלא כהוגן") נאָר אדרבא — עס איז אַ קיום ציווי, „לא על פיו עשה שאני אמרתי כו'".

ה. עפ"ז וואָלט מען אויך געקענט מבאר זיין פאַרוואָס אין מדרש הנ"ל (סוף סעיף ב) אויפן פסוק „זה קרבן נחשון גו'" שטייט דער לשון „זה קרבן דוחה את השבת ואין קרבן יחיד דוחה את השבת" (פריער ווערט געזאָגט ווי דער דין איז דאָ, ביים קרבן נשיא — „זה קרבן דוחה", און דערנאָך ווי דער דין איז ביי קרבן יחיד בכלל — „ואין קרבן יחיד כו'"), וואָס דאָס איז בסדר הפוך ווי

25) אלא שי"ל שהפירוש במ"ש במדרש „שאני אמרתי כו'" הוא, דהוי כקרבן שקבוע לו זמן (כהמשך לשון המדרש „נשיא אחד ליום נשיא אחד ליום כו' בלא הפסק יקריבו זה אחר זה"), ולכן דוחה שבת ככל קרבנות שקבוע להם זמן וכדעת ר"מ (תמורה שם. יומא נ, א. וכפסק הרמב"ם הל' ביאת מקדש פ"ד ה"ט), ולא הוי הוראת שעה. אבל לפי"ז אינו מובן — ההקדמה במדרש „והלא אין קרבן יחיד דוחה את השבת וזה הקריב בשבת", כיון שלדעת ר"מ (ופסק הרמב"ם) אינו תלוי בקרבן יחיד וקרבן צבור, אלא בקבוע לו זמן לחוד.

26) רמב"ם ספ"ב מהל' מעשה הקרבנות.

27) כנ"ל הערה 8. וראה רמב"ם שם. אבל ראה חת"ס שם שדחיית שבת אינה דומה (בלשון הרמב"ם) לשאר הדברים. ויל"ע בדבריו.

28) ראה רמב"ם הל' שבת רפ"ב ובכס"מ שם. ב"י או"ח סשכ"ח ד"ה הי' החולה. שו"ע אדה"ז שם (ס"ד, סי"ג). שו"ת הצ"צ או"ח סל"ח. ובכ"מ.

29) ראה פסחים עז, א. וש"נ.

30) ראה במקומות שנסמנו לעיל הערה 28.

עס ווערט געזאָגט אין מדרש הנ״ל (סעיף א): „בכל מקום אין קרבן יחיד דוחה את השבת וכאן קרבן יחיד דוחה את השבת״ —

דיש לומר, אַז דער שינוי איז תלוי אין די צוויי אופנים הנ״ל:

לויטן ערשטן מדרש איז דאָס בלויז „דחוי״ (כנ״ל), און דעריבער איז דער מדרש מקדים „בכ״מ אין קרבן יחיד דוחה את השבת״, וואָס דאָס איז מדגיש ווי מצ״ע ובכלל איז דאָס אַ מעשה האסור („שלא כהוגן״) וואָס נאָר „כאן״ ווערט עס נדחה, אין דעם פאַל;

משא״כ לויטן מדרש אויפן פסוק „זה קרבן נחשון גו״ איז עס „הותרה״[31], און דערפאַר הויבט ער אָן „זה קרבן דוחה את השבת״ וואָס די הקדמה והדגשה איז דאָ אויף דעם דין והיתר מיוחד פון קרבן הנשיא (וואָס מצד דעם איז „זה״ — מעג מען ברענגען בשבת), און ערשט דערנאָך דערציילט מען אַז „ואין קרבן יחיד דוחה את השבת״.

וע״פ המבואר לעיל (סעיף ב) אַז לויט דעם מדרש אויפן פסוק „זה קרבן גו״ איז דער קרבן נשיא ע״ד ווי אַ קרבן השבט (צבור), קען מען זאָגן, אַז דאָס איז דער טעם וסיבת הפלוגתא פון די צוויי מדרשים:

לויטן ערשטן מדרש אַז ס'איז געווען „שלא כהוגן״ („דחוי״), איז דער קרבן הנשיא אַ קרבן יחיד [ווי פאַרשטאַנדיק פון דעם לשון „בכ״מ אין קרבן יחיד כו' וכאן קרבן יחיד[32] כו׳״], און דערפאַר האָט די הוראת שעה בלויז אויפגעטאָן אַ „דיחוי״;

משא״כ לויטן מדרש „זה קרבן דוחה כו׳״, אַז עס האָט אַ דין ע״ד ווי אַ קרבן השבט — איז שבת הותרה לגבי'[33].

עפי״ז וועט אָבער אויסקומען, אַז בעניננו איז אויך אין דעם גדר פון „הותרה״ גופא דאָ מדרשים מחולקים:

לויטן מדרש אַז „זה קרבן דוחה שבת כו׳״ איז שבת הותרה ווייל דער קרבן הנשיא איז ע״ד קרבן צבור;

משא״כ לויטן מדרש הנ״ל (סעיף א) — „שלא תאמר היאך חלל כו׳ והלא אין קרבן יחיד דוחה כו׳ שאני אמרתי כו׳״ — וואָס האַלט אַז „הותרה״ (כנ״ל סעיף ד), איז משמע אַז עס האָט געהאַט אַ דין פון קרבן יחיד (נאָר ווייל „אני אמרתי כו׳״ איז — „זה הקריב בשבת״).

ו. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים נאָך אַ (פערטן) מדרש בפרשתנו (פרשה יד[34]) בענין זה, וז״ל: „מי הקדימני ואשלם[35], מדבר ביוסף שהוא הקדים ושימר את השבת עד שלא ניתנה . . אמר הקב״ה יוסף אתה שמרת את השבת עד שלא ניתנה התורה, חייך שאני

31) ומהלשון „זה קרבן דוחה את השבת״ אין ראי׳, „דהא תנן פ״ב דתמורה שקרבן צבור דוחה את השבת ואת הטומאה ואעפ״כ י״א דהותרה ולא אותבינן עלייהו ממשנה זו״ (שו״ת צ״צ שם). ובשו״ת תשב״ץ ח״ג סל״ז — דלשון דוחה שבת (בכ״מ בש״ס) לאו דוקא וה״ה הותרה.

32) ודלא כבפסיקתא ותנחומא, כנ״ל הערה 4.

33) ואולי י״ל שלכן הוצרך למיעוט „ואין קרבן יחיד דוחה את השבת״: מכיון דקרבן נשיא שבמציאות הוא קרבן יחיד (שהרי לא גבה משבטו — כנ״ל בפנים סעיף ב), הותר בשבת, קס״ד שהותר לגמרי, דגם קרבנות יחיד הותרו בשבת במשכן (ולהעיר ממנחות מה, א). או עכ״פ קרבנות יחיד דחנוכת המזבח. ולכן צריך לשלול „זה קרבן דוחה את השבת ואין קרבן יחיד דוחה את השבת״.

34) ב. ועד״ז בתנחומא פרשתנו כח (תנחומא באבער לג). רבותינו בעה״ת דלעיל הערה 1 (בשינויים).

35) איוב מא, ג.

משלם לבן בנך שיהא מקריב קרבנות בשבת מה שאין יחיד מקריב ועלי לקבל קרבנו ברצון״[36].

איז תמוה: ווי פּאַסט צו זאָגן, אַז דער שכר אויף שמירת שבת איז — „שיהא מקריב קרבנו בשבת מה שאין יחיד מקריב כו׳״ — אַ פעולה וועלכע איז (בכלל) דער היפך פון שמירת שבת?!

לא מיבעי אויב דער קרבן נשיא איז בלויז דוחה דעם שבת [וואָס דעמולט הייסט עס נאָך אַלץ שלא כהוגן, אַ מעין פון חילול שבת, נאָר בהוראת שעה ווערט דער איסור נדחה בפועל צוליב׳ן קרבן[30]]; נאָר אפילו אויב ס׳איז „הותרה״, מיינט דאָס נאָר אַז ס׳איז ניטאָ קיין חילול, דאָס איז אָבער ניט קיין פעולה ותוכן פון שמירת שבת (וואָס זאָל זיין אַ שכר אויף שמירת שבת)!

איז דערפון גופא געדרונגען, אַז לויט דעם מדרש, האָט דער קרבן הנשיאים בשבת אויפגעטאָן אַ הוספה אין שמירת שבת.

ז. וי״ל דעם ביאור בזה:

די פיר מאמרי המדרש הנ״ל טיילן זיך (בכללות) אויף צוויי סוגים:

דער דרש אַז דאָס זיינען געווען קרבנות „שלא כהוגן״ און דער דרש „זה קרבן דוחה את השבת ואין קרבן יחיד דוחה את השבת״ (ביידע אין פרשה יג) — שטעלן זיך אויף כללות הענין פון קרבנות הנשיאים, וואָס איינער פון די חידושים שבקרבנות הנשיאים (צווישן אַנדערע[37]) איז געווען, וואָס דער קרבן הנשיאים האָט דוחה געווען שבת.

משא״כ די אַנדערע צוויי דרשות (ביידע אין פרשה יד) — „שאני אמרתי כו׳״ און „מי הקדימני ואשלם כו׳״ — שטעלן זיך אויף (דעם פסוק „ביום השביעי נשיא לבני אפרים״[38], און רעדן במיוחד וועגן) מעלת הקרבן וואָס דער נשיא אפרים האָט מקריב געווען ביום השבת.

ועל פי זה יש לומר, אַז דער חילוק הכללי צווישן די צוויי סוגים איז:

אין די ערשטע צוויי דרשות (וועלכע רעדן וועגן קרבנות הנשיאים בכלל) ווערט אַרויסגעבראַכט ווי דער ענין פון דחיית השבת איז אַ דין וואָס איז פאַרבונדן מיט כללות קרבנות הנשיאים לחנוכת המזבח, ד.ה. אַז מצד דער מעלה כללית פון (חנוכת המזבח ע״י) קרבנות הנשיאים איז די הקרבה דוחה שבת[39].

36) בתנחומא (ועד״ז בתנחומא באבער): חייך שאני עושה שבן בנך יהי׳ מקריב בשבת. וברבעה״ת שם: ובזכות זה יכין בנך קרבנו ביום השבת שאין קרבן יחיד דוחה את השבת.

37) שמובא בב׳ מדרשים הנ״ל: בכ״מ אין היחיד מתנדב בקטורת והנשיאים הביאו . . בכ״מ אין היחיד מביא חטאת אלא אחר ידיעת חטאו ואלו הביאו שעיר שלא בחטא (שם פי״ג, ב). ועד״ז הוא במדרש הב׳ (שם יג בסופו) בהסגנון „זה קרבן, זה הביא כו׳״ כבדחיית שבת.

38) שבזה מתחיל ומאריך בבמדב״ר (ועד״ז בתנחומא שם) מריש פרשה יד.

39) וכן י״ל בדעת הש״ס (מו״ק שם) והרמב״ם (הל׳ מעה״ק שם) — שלכן: א) אינו מפורש בש״ס ורמב״ם שהיו ע״פ ציווי ה׳ וכבב׳ מדרשים הנ״ל (ולא כבמדרשים שבפי״ד). ולהעיר מחדא״ג מו״ק שם. ב) מאריך בהק״ו בש״ס בפרטי הדחי׳, „מה משכן שאין קדושתו קדושת עולם (שמדגיש שכולו הו״ע דשעה) וקרבן יחיד דוחה שבת דאיסור סקילה כו׳ מקדש כו׳ דענוש כרת לא כ״ש״; דאי נימא כהמדרשים שבפי״ד שהוא דין בשבת (כדלקמן בפנים), למאי נפק״מ?

ולהעיר מסיום לשון הרמב״ם שם „אבל דברים הנוהגים לדורות הם דברי תורה שפירשנו כמו שהעתיקום מפי משה רבינו אין להוסיף עליהם

אָבער אין די אַנדערע צוויי מדרשים*[39], וואָס רעדן וועגן דעם קרבן מיוחד פון נשיא אפרים ביום השבת, איז מבואר ווי די דחי׳ איז (ניט מצד די כללות קרבנות הנשיאים, ניט קיין דין אין חנוכת המזבח, נאָר ווי דאָס איז) אַ דין אין (הלכות) שבת, אַז מצד שבת האָט דער נשיא געדאַרפט דעמולט מקריב זיין דעם קרבן.

ח. און אין דעם גופא, אַז ס׳איז אַ דין אין הלכות שבת, קען מען לערנען צוויי אופנים[40]:

א) אַז מצד (הלכות) שבת איז די הקרבה מותר. ד.ה. דאָס איז ניט אַן ענין וואָס איז מותר מצד מעלת קרבנות הנשיאים לחנוכת המזבח [אַז תורה זאָגט אַז די מעלה פון קרבנות הנשיאים איז אַזוי גרויס, אַז דאָס וועגט איבער דעם איסור מלאכה בשבת], נאָר דאָס איז אַ תנאי אין (איסורי מלאכה ב)שבת, אַז ביחס צו די קרבנות איז מלכתחלה ניט חל דער איסור מלאכה בשבת.

[וע״ד ווי מען געפינט בכמה מקומות בנוגע „עשה דוחה לא תעשה״, אַז די עשה ווערט אַ תנאי פון וועלכן דער לאו איז אָפּהענגיק (תלוי)[41], דער לאו איז מלכתחלה ניט חל אין פאַל ווען ס׳איז דאָ קעגן אים אַן עשה][42].

ב) הקרבת הקרבנות בשבת איז אַ חלק פון מצות שבת: כשם ווי מצד קדושת שבת זיינען מלאכות אסור בשבת, אַזוי איז קדושת שבת מחייב מ׳זאָל מקריב זיין מוספי שבת, ועד״ז הקרבת „נשיא אחד ליום״ השבת, וואָס „אמרתי״ דעם קרבן (של נשיא אפרים) בשבת, און דורך דעם דוקא ווערט נתקיים שמירת שבת כדבעי.

[וע״ד ווי מען געפינט די סברא (ודיעה[43]) בנוגע צו פקו״נ, אַז דאָס מיינט ניט בלויז אַז דער פקו״נ איז דוחה דעם איסור מלאכה בשבת אָדער אפילו אַז די מלאכה ווערט מותר בשבת, נאָר פקו״נ איז אַ דין אין שמירת שבת (ועפ״ז יומתק וואָס עס שטייט אין הלכות שבת), דאָס איז מוסיף אין שמירת שבת, ווי מען לערנט עס אָפּ פון „ושמרו[44] בנ״י את השבת״[43], ובלשון האור החיים[45]: „למה אני אומר שתחלל שבת על החולה, אין זה קרוי חילול אדרבא זה קרוי שמירת שבת״].

---

ואין לגרוע״. וי״ל שבזה מודגש גם דקרבנות הנשיאים כו׳ שלפנ״ז (כולל גם הקרבתו בשבת) אינם מדברי תורה שכן ניתן הדין מתחלה (ראה הערה 46 ובלקו״ש הנסמן שם), כ״א דין והוראה פרטיים בקרבנות אלו.

*39) בבמדב״ר פי״ד, יג: „מאת נשיאי ישראל . . קרבן כולן שוה . . ולא הקריב אחד מהן יותר על חבירו שאלו הקריב אחד מהן יותר על חבירו לא הי׳ קרבן אחד מהן דוחה את השבת אמר להם הקב״ה . . ואני חולק לכם כבוד שתקריבו ביום שבת שלי כדי שלא יהא הפסק בקרבנכם״. וזה מתאים לסוג הא׳ (תוכן המדרשים שבפי״ג), עיי״ש (וראה מפרשים שם (הובאו גם לקמן ע׳ 55) שלמדרש זה נחשב כקרבן צבור. וראה לקמן ס״ט). אבל שם לא קאי על הפסוק „ביום השביעי נשיא לבני אפרים״ (כב׳ המדרשים הנ״ל שבפי״ד), כ״א עה״פ „זאת חנוכת המזבח גו׳״, שקאי על קרבנות כל הנשיאים.

40) בהבא לקמן — ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 236 ואילך. וש״נ.

41) ראה ר״נ גאון שבת קלג, א ואילך. ובכ״מ. וראה לקו״ש שם. וש״נ.

42) להעיר מצפע״נ על הרמב״ם הל׳ שבת פ״ב ה״ב במ״ש הרמב״ם שם ה״א „דחוי׳ היא שבת אצל סכנת נפשות״: לא ר״ל אם דחוי׳ או הותרה רק דגבי חולה אין (?).

43) ראה יומא פה, ב. ר״נ במכילתא תשא לא, יג. שם, טז.

44) תשא שם, טז.

45) שם, יג.

ט. עפ״ז איז מובן דער אויפטו פון די לעצטע צוויי מדרשים (שבפרשה יד) לגבי די ערשטע צוויי (שבפרשה יג):

לויט די מדרשים אין פרשה יג איז דער היתר ההקרבה מצד דעם דין כללי פון קרבנות הנשיאים כנ״ל — דער חילוק ביניהם איז נאָר אין דעם, צי דאָס איז „דחוי׳׳ אָדער „הותרה״ (כנ״ל סעיף ה).

משא״כ די מדרשים שבפרשה יד, וואָס רעדן במיוחד וועגן דעם קרבן שביום (השבת) השביעי, האַלטןביידע אַז ס׳איז אַ דין אין שבת, און דעריבער איז אין ביידע מדרשים ניט מודגש די אויסגע־טיילטקייט פון דעם קרבן דערמיט וואָס ער איז כעין קרבן צבור און דערפאַר זאָל די הקרבה זיין בגדר הותרה (ווי אין דעם מדרש הנ״ל (פרשה יג) „זה קרבן דוחה את השבת״) — נאָר פאַרקערט: אין זיי איז די הדגשה ווי דער קרבן הנשיא איז אין גדר פון אַ קרבן יחיד („והלא אין קרבן יחיד דוחה את השבת וזה הקריב בשבת אמר הקב״ה כו׳ שאני אמרתי כו׳״; „שיהא מקריב קרבנו בשבת מה שאין יחיד מקריב כו׳״) —

וואָרום דער היתר הקרבת הקרבן לדעת מדרשים אלו איז ניט ווייל די קרבנות האָבן אין זיך אַן ענין ותוקף מיוחד און דערפאַר זיינען זיי דוחה שבת באופן של „הותרה״, נאָר ווייל שבת זאָגט אַז „זה יקריב בשבת״, אפילו זייענדיק קרבנות היחיד.

נאָר די צוויי מדרשים טיילן זיך אין די צוויי אופנים הנ״ל, ווי אַזוי דאָס איז אַ דין אין שבת[46]:

לויטן מדרש „שאני אמרתי כו׳״, איז דאָס כאילו ווי „אַ תנאי אין שבת״, אַז שבת „זאָגט״ אַז אויף דעם קרבן איז מלכתחלה ניט חל דער איסור שבת, דעריבער ווערט אין מדרש באַוואָרנט „שלא תאמר היאך חלל את השבת כו׳ אמר הקב״ה כו׳ שאני אמרתי כו׳״, אַז ס׳איז בכלל ניט בגדר חילול שבת, ווייל דאָס איז ע״פ הציווי [ע״ד ווי מ׳געפינט דעם לשון אין פוסקים[47] (בפירוש המכילתא[48] „מחללי׳ מות יומת[49] וביום השבת שני כבשים[50] שניהם בדבור אחד נאמרו״) „להודיע שבשעה שהותר זה נאסר זה וללמד כי אין זה חלול שבת״[51]].

און לויטן מדרש וואָס זאָגט, אַז דאָס איז געווען בגדר „שכר״ אויף דעם וואָס „יוסף שימר את השבת עד שלא ניתנה״, קומט אויס, אַז דאָס איז ניט נאָר אַ תנאי אין שבת, אַז קרבן נשיא אפרים פון מילואים איז מותר בשבת, נאָר אַז עי״ז

---

46) להעיר שב׳ דרשות אלו באות במדרש בהמשך לתחלת הדרשה בבמדב״ר ריש פרשה יד (ועד״ז בתנחומא שם) ע״ד כו״כ ענינים שהם בגדר הוראת שעה, שא׳ מהם הוא „שלא יבוא אדם ויהרהר אחר אליהו כו׳ שהקריב באיסור במה כו׳ והתורה אסרה עליו כו׳ אמר הקב״ה אני הוא שאמרתי לו שיעשה כך שנאמר (מ״א יח, לו) ובדברך עשיתי״ (וברבעה״ת הובא ענין זה כדוגמא ראשונה על הקרבת נשיא אפרים בשבת). ובצפע״נ (הובא בצפע״נ על התורה ראה יב, יג. וש״נ) מפרש דמ״ש בירושלמי (מגילה פ״א הי״א) ובדברך עשיתי בדיבורך עשיתי, דזהו דין דע״פ נביא יכולין להקריב בבמה בשעת מקדש, ואין עליו שם שחוטי חוץ כלל והוה קרבן. וראה בארוכה לקו״ש חי״ד ע׳ 70 ואילך, שי״ל בזה ב׳ אופנים: שמתחלה לא נאסר זה, או שזהו דין בדיני במה שע״פ נביא נעשית מצות הקרבת הקרבן, והוי כקרבן חובה. ע״ש באורך.

47) תשובת מהר״ם אלשקר סי׳ קב (מר״ש ורב האי גאון).

48) יתרו כ, ח.

49) תשא לא, יד.

50) פנחס כח, ט.

51) וראה בהנסמן לעיל הערה 41.

**איז מען מקיים באופן** חיובי **מצות** שמירת **שבת — דער קרבן איז מוסיף אין קדושת שבת.**

[וע״ד **ווי גערעדט במק״א**[52] **בפירוש דברי המכילתא הנ״ל בעומק יותר, אַז דאָס וואָס „בדבור אחד נאמרו״ מיינט ניט (נאָר) אַז זיי זיינען ניט סותר זה לזה, נאָר בײדע האָבן דעם** זעלבן תוכן **קדושת שבת: זי איז א) דורך הקרבת הכבשים, ב) דורך איסור מלאכה].**

**און דערפאַר איז דאָס אַ שכר מתאים צו שמירת שבת דיוסף: וויבאַלד ער האָט געהיט שבת בהוספה, „עד** שלא **נתנה״, האָט מען אים דעריבער געגעבן אַ** הוספה **אין שמירת שבת (לגבי אַנדערע אידן), אַז דוקא „בן בנך״ האָט מוסיף געווען בקדושת שבת דורך מקריב זיין אַ קרבן מיוחד בשבת**[53]**.**

---

**(הוספת** נקודות **לתוספת ביאור)**

**יו״ד. דער ענין איז אָבער נאָך אַלץ דורש ביאור:**

**אמת טאַקע אַז דאָס וואָס נשיא אפרים האָט מקריב געווען קרבנו בשבת** קען **זיין אַ שכר אויף שמירת שבת דיוסף, דערפאַר וואָס די הקרבה איז מוסיף אין קדושת שבת כנ״ל — וואָס איז אָבער דער טעם, וואָס דער שכר האָט זיך אויסגעדריקט** דוקא **אין אַ מעשה וועלכע איז (מצד עצמו)** היפך **פון שמירת שבת?**

**איז די הסברה בזה:**

**דאָס**[*53] **וואָס יוסף האָט מקיים געווען די מצוה פון שמירת שבת „עד** שלא **ניתנה״ איז אַ באופן, אַז זיין שמירת שבת איז פון אַן „אָרט״ וואָס איז נאָך** העכער **פון דעם אָרט ש„ניתנה״.**

**כפירוש „ניתנה״ — די זאַך איז דאָ פון פריער און זי ווערט דערנאָך געגעבן למי שניתנה.**

**ס׳איז פאַרשטאַנדיק אַז אין יעדער „אָרט״ וואו שבת איז „ניתנה״, איז די קדושה און שמירת שבת לויט דעם מקום שבו ניתנה.**

---

52) **לקו״ש חט״ז שם. עיי״ש בפרטיות.**

53) **וי״ל החידוש בנדו״ד על הקרבת שני כבשים (מוספים) בשבת דהוא דין בשבת שמקיים בזה (שלילת) מחללי׳, דשם הרי זהו כל גדר המצוה, „וביום** השבת **שני כבשים״, להקריב קרבן מוסף מיוחד ליום השבת (ועד״ז בענין הב׳ שבמכילתא שם „ערות אשת אחיך יבמה יבוא עלי׳״, דכל גדר היבום הוא באשת אח)*, ולכן בזה שפיר י״ל דהוי דין בשבת (ובאיסור אשת אח). וגם לפי משנ״ת בלקו״ש שם די״ל כן גם לענין הקרבת התמיד בשבת, אף שגדר מצות תמיד אינה הקרבתו בשבת דוקא**, מ״מ גם הוא אינו דומה לנדו״ד, משום שזהו סדר העבודה** התמידית **שבכל יום, „בכל יום הוא מועד התמידים״ (פרש״י פנחס כח, ב. וראה יבמות (ה, ב): מה לתמיד שכן תדיר. וראה פסחים סו, א. עז, א, ובתוד״ה שכן שם)***. משא״כ בנדו״ד הרי אדרבה כל ענין הקרבתו הו״ע של חינוך ולשעה. וזהו החידוש במדרש כאן שגם בזה י״ל דהוי דין בשבת, ועד שזהו שכר — מוסיף בקדושת שבת.**

*53) **בהבא לקמן ראה גם לקו״ש ח״כ ע׳ 202 ואילך.**

---

*) ראה עד״ז בתוד״ה ל״ת (— יבמות ג, ב) שלכן אא״פ ללמוד דעשה דוחה ל״ת מעשה דיבום. וראה תורת האדם להרמב״ן שער המיחוש (ענין הכהנים ד״ה תו״כ) בסופו שלכן „לא מקרי דיחוי דהא ליתי׳ אלא בהכי״.

**) ועד״ז הוא בענין כלאים בציצית („לא תלבש שעטנז גדילים תעשה לך״) שבמכילתא שם — ראה תוס׳ יבמות שם.

***) ראה תוה״א שם — דע״ד הנ״ל ביבום הוא גם בשבת, דמעבודה דדחי שבת לא גמרינן דעשה **דוחה** ל״ת ד„ליתי׳ ללאו בהאי״.

מעין וע״ד ווי מ׳געפינט אין הלכה[54] דעם חילוק צווישן ת״ח און פועלים ובעלי בתים: „פועלים ובע״ב יעסקו יותר בתורה **בשבת** כו׳ ות״ח ימשיכו יותר בעונג אכילה ושתי׳״.

ביז דעם חילוק הכללי ווי דער ענין השביתה והשמירה איז ביים אויבערשטן („כי בו שבת מכל מלאכתו״[55]) וואָס איז שביתה פון דיבור ואמירה[56] („בעשרה מאמרות[57] נברא העולם״[58]), און למטה איז דער ענין השביתה (בעיקר[59]) — פון עשי׳[60].

דערפון איז מובן, אַז אין דעם „עולם״ למעלה וואָס איז העכער פון עולם הדבור — אין דעם עולם וואָס לא משתעי במילי דהדיוטא[61] (וואָס גייט אויף די עשרה מאמרות[62]) — איז קדושת השבת (ועונגו) ניט שביתה פון דבור, נאָר אין דער שביתה פון ירידות וצמצו־מי העולם וגבורות שלו (ע״ד גיהנם[63]), וואָס בשבת „כל שולטני רוגזין ומארי דדינא כולהו ערקין ואתעברו מינה״[64], אין ג״ע ווערט דעמולט נתגלה אַ הע־כערער עונג וכו׳.

54) רמ״א או״ח סר״צ ס״ב. שו״ע אדה״ז שם ס״ה.

55) בראשית ב, ג.

56) ראה תניא קו״א בסופו. לקו״ת שבת שובה סו, ג. ובכ״מ.

57) שצמצם עצמו, כביכול, לירד ולהתגלות במאמרות וכו׳ (ראה תניא פכ״א. ובכ״מ).

58) אבות רפ״ה.

59) ורק מד״ס יש שביתה מדיבור מפני ששבת הקב״ה מיו״ד מאמרות (ראה קו״א ולקו״ת שם. ובארוכה לקו״ש חי״א ע׳ 80 ואילך. וש״נ).

60) ראה תניא פ״כ. ובכ״מ.

61) זח״ג קמט, ב.

62) לקו״ת אחרי כה, ד. ובכ״מ.

63) ב״ר פי״א, ה. פסיקתא רבתי פ׳ כג. זח״ב לא, ב. רש״י סנהדרין סה, ב. ועוד.

64) זח״ב קלה, ריש ע״ב „כגוונא כו׳״.

און דאָס איז אויך דער אויפטו פון שמירת שבת דיוסף „עד שלא ניתנה״*[64]: ביי אים האָט מאיר געווען דער ענין השבת ווי ער איז אין אַן עולם וועלכער איז העכער פון ארץ שבו „ניתנה״ שבת — זיין שביתה איז — פון אַ העכערן ענין ווי די שביתה ממלאכה וואָס נעמט זיך פון דעם „בו שבת״ פון עולם הדבור (עשרה מאמרות); און דער עונג השבת אין דער מדריגה („עד שלא ניתנה״) באַשטייט אין אַ גילוי עונג עליון יותר, כנ״ל.

און דערפאַר איז דער שכר אויף דער שביתה ושמירה בדרגת השבת „שלא ניתנה״ געקומען אין אַן ענין הפכי פון דער עלי׳ בשבת ורוחניות השבת שבארץ בה ניתנה — ע״ד ווי מיר זעען, אַז אַן עונג יותר עליון **נתגלה** (לפעמים) — דוקא אין אַן ענין וואָס איז תחתון יותר[65],

וע״ד ביי אַ אב ובנו[66], אַז דוקא אין אַ מעשה קטנות פון בנו התינוק איז דאָ אַ העכערער עונג (מער — ווי פון דעם שכל פון בנו הגדול).

יא. ע״פ כל הנ״ל וועט מען אויך פאַר־שטיין די שייכות פון דעם ענין צו יוסף ואפרים דוקא:

דער ענין פון יוסף איז — „יוסף ה׳ לי בן אחר״[67], אַז ער מאַכט פון „אחר״ אַ „בן״[68]; און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט

*64) להעיר מאוה״ת בראשית (כרך ב) בסופו (ע׳ 916).

65) ע״ד שראי׳ היא דוקא בדבר גשמי ולא בקול הרוחני (ראה אוה״ת ואתחנן ע׳ סב ואילך. ס׳ הליקוטים (צ״צ) ע׳ ראי׳ (ע׳ רצא ואילך). וש״נ).

66) ראה או״ת להה״מ ס״פ בא.

67) ויצא ל, כד.

68) אוה״ת עה״פ שם. שם ויחי שפו, א־ב. ובכ״מ.

**במיוחד אין בנו אפרים — על שם „כי** הפרני **אלקים בארץ** עניי"[69]**, זיין ענין איז, וואָס דוקא אין „ארץ** עניי" **ווערט —** „הפרני **אלקים", אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למתקא**[70].

**און דעריבער, איז דוקא ביי אים גע־ווען דער ענין פון הקרבת הקרבן בשבת, אַז פון אַן ענין של הקרבה, וואָס ביום השבת איז דאָס לכאורה אַן ענין פון „עניי" — ווערט פאַרקערט,** „הפרני", **אַ תוספת אין (שמירת ו)קדושת שבת.**

(משיחת ש"פ מצורע, ז' ניסן, תשמ"א)

69) **מקץ מא, נב.**
70) **ראה בארוכה לקו"ש חט"ו ע' 433 ואילך.**